# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# פניני השבת

גליון ז'



כיתה ב' (א)

הר"ר מאיר חיים ששא הי"ו

כיתה ב' (ב)

הר"ר משה ברוך כץ הי"ו

# אינהאלט פון די וואך

## קידוש

איינער וואס איז יוצא קידוש פון א צווייטן טאר נישט ענטפערן "ברוך הוא וברוך שמו", ווייל עס איז א הפסק אינמיטן קידוש. און נאך קידוש ענטפערט מען אמן, און מ'טאר נישט אויסרעדן ביז ווען די טאטע ענדיגט צו טרינקען.

## קידוש אויף חלות

אויב איינער האט נישט קיין ווין צו מאכן קידוש, מאכט ער קידוש אויף די חלות.

## קידושא רבא

די קידוש פון שבת בייטאג ווערט אנגערופן "קידושא רבא", ווייל די קידוש פון שבת בייטאג איז נאר מדרבנן און עס איז נישט אזוי חשוב אזוי ווי די קידוש פון ביינאכט, דעריבער ווערט עס אנגערופן קידושא רבא.

## קידוש במקום סעודה

נאך וואס מ'האט געמאכט קידוש אויף די ווין, דארף מען זיך גלייך וואשן צו די סעודה און מ'טאר נישט מפסיק זיין צווישן קידוש און די סעודה, און אויב בלייבט ער נישט עסן די סעודה דארט וואו ער האט געמאכט קידוש, זאל ער עסן דארט מזונות.

# <u>סעודה שלישית</u>

אויך ביי שלש-סעודות דארף מען מאכן המוציא אויף לחם משנה, אבער מ'דארף נישט צודעקן די חלה.

מ'פירט זיך צו עסן שלש-סעודות אין שוהל צוזאמען מיט אלע מענטשן און נישט אליין אין שטוב.

אויך פירט מען זיך צו אריינציען די סעודה אין די נאכט כדי צו מוסיף זיין מחול על הקודש, דאס מיינט צו פארמערן פון די וואכעדיגע צייט אויף שבת, אזוי ווי מ'זאגט ביי די זמירות פון שבת "המאחרים לצאת מן השבת וממהרים לבוא", אז מ'איז מקדים פרייטיג אריינצוגיין אינעם שבת פאר די זמן, און מ'גייט ארויס פונעם שבת שפעטער פון די זמן.

די סעודה ווערט אנגערופן "שלש-סעודות" ווייל דורך דעם איז מען מקיים אלע דריי סעודות, ווייל ביי די ערשטע סעודות איז ער הונגעריג, אבער די סעודה איז נאר ווייל דער אייבישטער האט געהייסן, און דערמיט ווייזט מען אז אויך די אנדערע סעודות פון שבת האט מען געגעסן לשם מצוה.

# טז. הטווה



מיטאר נישט שבת ארומדרייען מיט די הענט די וואהל אז ס'זאל ווערן דערפון חוטים.

און אזוי אויך טאר מען נישט שבת קניפן צוזאם דרייען א חוט פון ציצית.

# יז. המיסך



מיטאר נישט שבת אויסציען די חוטים פון שתי צו אנגרייטן צו נייען דערפון שטאף (סחורה).

און אזוי אויך טאר מען נישט אוסציען שטריקן צו אויפהענגען די וועש.